

# שימורי"ם הוא לדורותיכ"ם

## אַ דראַמאַטישע געשעניש וואס איז לעצטנס פאָרגעקומען

*

ערשינען אין "לטהר בלעטל"
(סקווירא – ויגש תשע"ה)
אונטער'ן קעפל
"כי עבדך ערב את הנער"

ברוך השם! מיין טאָכטער'ל לעבט!

איך זיץ אזוי אויפ'ן בענקל מוצאי חנוכה, און איך קוק ארויס פון פענסטער. אלעס איז עפעס אזוי פארכמורעט, אזוי קאלט. דאס לעצטע פלאם פון די זעקס און דרייסיג ליכטעלעך האט שוין אויסגעצאפלט. שוין אויסגעווישט די גלעזלעך, פארפאקט די זילבער פאפיר מיט די מנורות, פארברענט די קנויטן. אוי ווי געשמאק איז געווען צו זינגען מיט די קינדער הנרות הללו, אנא בכח, מיט זייערע אויל פארשמירטע פינגער'ס. די לויפעריי צום [סקווירא] רבינ'ס צינדן. די שיינע מסיבות, עפעס אזוי ליכטיג, אזוי הארציג. יעצט איז עפעס אלעס צוריק אזוי פארפרוירן און טינקל. עפעס אזוי גלות'דיג. אזוי ווייט... אזוי אליין... אזוי פארזינקען זיך פלאג'נדיג מיט גשמיות'דיגע און רוחניות'דיגע נסיונות.

איך גלייב, אז נישט נאר פאר מיר האט אנגעכאפט דעם געפיל ביים זיך טרעפן ביי שמו"ע, אוי... מ'זאגט שוין נישט על הניסים.

טייערע ברודער! איך האב אייך צו דערציילן א מעשה, וואס איך האב אליין געהערט פונעם בעל המעשה איין נאכט חנוכה נאכ'ן [סקווירא] רבינ'ס תורות ביי א ווינקל אין ביהמ"ד. איך נעם אפיר די רעקארדער וואס איז דאן געליגן ביי מיר אין טאש און זיך אונטערגעהערט אונזער גאנצע שמועס. זאלט איר אליין אויך מיטהאלטן ווי ער דערציילט זיינע וואונדערליכע ניסים, וואס האט ביי אים פאסירט בימים האלו בזמן הזה. די מעשה איז א פארכטיגע פאסירונג וואס שרייט ארויס אונזער נאנטקייט צו אונזער גרויסן טאטן אין הימל, אויך דא אינעם פינסטערן גלות.

אט הערט... ער הייבט אָן דערציילן זיין פאסירונג:

"גאר שווערע קינדערישע און בחור'ישע יארן זענען אויף מיר אדורך, אבער סוף כל סוף איז אנגעקומען דער טאג ווען עס האט אנגעהויבן שיינען. ס'איז אנגעקומען די מינוט - נאך פסח תשע"א ־ ווען איך בין ענדליך א חתן געווארן בשעה טובה ומוצלחת. דערנאך חתונה געהאט, און בחסדי השם איז צו מיר געבוירן געווארן א מיידעלע אונטער א יאר נאך די חתונה. מה גדלו מעשיך השם!

"ס'איז אדורך פינף זיסע חדשים, און דאן איז דאס קינד איין טאג פלוצים צוזאם געפאלן ל"ע. מ'איז שנעל אריינגעפלויגן אין שפיטאל, און נאך א גרינטליכע אונטערזוכונג איז באשטעטיגט געווארן אז... ס'איז גארנישט, מ'קען אהיים גיין. מיר זענען אהיים אבער קיין גארנישט איז עס נישט געווען, ס'האט זיך אנגעהויבן א תקופה וואס יעדע שטיק צייט האט דאס קינד געכאפט א 'סידזשער' רח"ל. מ'איז געגאנגען אהין און צוריק, צום דאקטער אין וועסטשעסטער שפיטאל, און דער דאקטער זאגט איבער און איבער זייער קלאר: ער זעהט גארנישט!

"נאך א משך זמן וואס עס האט זיך נישט גערוקט, האט דער [סקווירא] רבי שליט"א אונז געשיקט צו א נארלידיזשסט אין די מאנטיפיארי שפיטאל. ער האט געמאכט א EEG טעסט און אויך געלייגט דאס קינד ביי אן אי"י — אז די דאקטורים האבן געהאט די מעגליכקייט מיט דעם צו באטראכטן יעדע ריר פונעם קינד פאר גאנצע פיר טעג אין א ציה. זיין השערה נאכ'ן טעסט איז געווען אז אלעס איז גוט, אבער ווי נאר מ'איז אהיים געקומען, איז דאס קינד ווידער אוועקגעפאלן מיט א סיזדשער רח"ל.

"נאך א שטיק צייט האט דער דאקטער געזאגט אז ס'איז נישט קיין תכלית, מ'דארף דערגיין וואס דאס גייט פאר. האט מען געמאכט א 'קעד-סקען'. דער דאקטאר קומט ארויס פונעם טעסט און זאגט אונז אז אז ער האט געפינען אינעם מוח אגעוואוקס פון יענע... רחמנא ליצלן... ער האט צוגעלייגט אז ס'איז "בע"י ניי"ן", דאס הייסט אז די געוואוקס איז נישט קיין לעבעדיגע וואס איז א גרויסע סכנה, נאר דאס איז א טויטע זאך וואס איז נישט אזא גרויסע סכנה.

"איך מיט מיין בני בית האבן אויפן פלאץ אנגעהויבן שרעקליך צו וויינען, ס'האט שוין נישט געכאפט קיין חילוק טויטע צו לעבעדיגע. דער עצם שרעקליכע פאקט האט אראפגעלאזט אויף אונז א שווארצע וואלקן אז אונזער קליין זיסע איינציגע קינד איז דיאגנאזירט מיט דאס ארגסטע רח"ל. איך האב גלייך אנגעהויבן צו צוזאגן צדקה און אנפילן פושקעס, אלע ארגענעזאציעס האבן דאן פארדינט א שיינע מטבע, גלייכצייטיג האבן מיר זיך מקבל געווען פארשידענע זאכן, און דאן גענומען זען וואס מ'קען טון דא אויף למעשה.

"דער דאקטער האט אונז בארואיגט אז ס'איז נישט עק וועלט, מ'קען דאס 'גאנץ לייכט' ארויסנעמען, דורכן אויסשניידן א לאך אינעם סקאו"ל [קאפביין], און אזוי אריינפירן א מאשינקע וואס וועט אראפשניידן דעם געוויקס, און ס'וועט בעזר השם זיין גוט. וכך הוה. באגלייט מיט הייסע תפילות ותחנונים האבן מיר אריינבאגלייט מיין קליין מיידעלע צום אפעראציע צימער און מען האט געמאכט דעם אפעראציע. ווען מ'האט געענדיגט איז דער דאקטאר געווען זייער צופרידן. מיר האבן אהיים גענומען אונזער לעכטיג נשמה'לע מיט גרויס פרייד — וועלכע איז ליידער געווען א פריצייטיגע...

"נאך א שטיק צייט — פאריגע אנהייב זומער ע"ד — האט מען געמאכט נאך א טעסט אויף אונזער דריי יעריגע טאכטער, און ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער דאקטער האט בטעות איבערגעלאזט א קליין שטיקל פון דעם געוויקס, און דאס איז זיך צוואוואקסן פונקט ווי אנהייב און מיר האלטן דארט וואו מיר האבן געהאלטן דעמאלס! אבער דאסמאל האט דער דאקטער געזאגט אז ס'איז שוין א קלייניגקייט, וויבאלד דער לאך אינעם ביין פונעם קאפ נעמט אפאר יאר צוריק צוזאמצו-וואקסן געהעריג, דארף מען יעצט נישט מער ווי אריינגיין אינעם זעלבן לאך, אויסרייניגן אלעס, און שלום על ישראל.

"אז ס'איז אזא גארנישט, זענען מיר צוגעגאנגען צו דעם זייער לייכט, אן קיין שום קבלות, און אָן קיין שום צובראכנקייט, נאר מער שמייכל'דיג און ווערטל'דיג, און מ'האט אריינגענומען דאס קינד און אפערעיטונג רום.

"נאך א שטיק צייט קומט דער דאקטער ארויס, און הייסטאונז זיך אוועקזעצן, ווארשיינליך צו מעלדן אויף די סוקסעס, אבער... ער פארציילט אז אריינגייענדיג מיט'ן מאשינקע אינעם לאך פון סקאל, האט זיך געמאכט א לופט באבל אין די מוח, א זאך וואס קען זיך מאכן, און דאס האט גורם געווען א הארץ אטאקע פאר אונזער קינד!!! פון ארויסנעמען דעם געוויקס, איז יעצט נישטא קיין קלער, נאר אזויפיל טוט מען יעצט אין די מינוטין, אז מען מאכט מען ס"י פ"י א"ר צו ראטעווען איר לעבן!!! און ־ אזוי רעדנדיג לויפט ער שוין צוריק אריין אין אפערעיטונג רום, און לאזט אונז אזוי שטיין דארט אזוי...

"איך וויל אייך איין זאך זאגן. וואס עס איז געווען פון דא און ווייטער קען איך אייך נישט זאגן. יענע גאנצע טאג איז פאר מיר פארנעפלט, פון דארט און ווייטער האב איך נישט געוואוסט וואס טוט זיך מיט מיר... אזוי אין דעם נעפל האב איך שפעטער געהערט פונעם דאקטער אז מ'האט ברוך השם געראטעוועט דאס לעבן פונעם קינד, אבער דאס קינד איז אויף א רעספירעיטאר, און וועט לכאורה בלייבן פארליזירט אויפ'ן רעכטן זייט, א גאנצן לע..... השם ירחם.

"מ'האט ארויסגענומען דאס קינד צום ריקאווערי רום, אזוי אין דעם ביטערן מצב נעבעך, דאס קינד לעבט, אבער שוועבט אין אן אנדערע וועלט, זי רירט זיך נישט, עפנט נישט די אויגן. איך וואונטש אייך אז קיינער זאל קיינמאל נישט פארשטיין ווי עס פלאצט דאס הארץ פון עלטערן צוזעענדיג אן אייגן קינד אין אזא מצב.

"ויהי היום, איין טאג האט מיין בני בית מקבל געווען אויף זיך אן ערנסטע קבלה אין צניעות, זי איז געגאנגען קויפן נייע קליידער נאכצוקומען איר נייע קבלה. א טאג דערויף איז דאס קינד — בחסדי השם — אראפ פונעם רעספערעיטאר! ס'איז אדורך נאך א שטיק צייט, און די אויגן זענען נאך אלץ געווען פארמאכט. ביז עמיצער האט אנגעטראגן אפשר קען מען מאכן עפעס א קבלה אין כיבוד אב ואם, מיר האבן זיך דאן מקבל געווען צו רופן מער אפט אונזערע עלטערן באגריסן. און ווי אומגלויבליך עס הערט זיך, א טאג שפעטער האט דאס קינד ב"ה געעפנט אירע זיסע אויגעלעך.

"דער מצב האט זיך ב"ה פארבעסערט, מ'האט שוין געקענט גיין צו א ריהעב. האט מען דאן גענומען דאס קינד צום 'דשאוינט דיזיס ריהעב' שפיטאל. דארט איז מען אפגעזיצן פון שבועות צייט ביז אינמיטן חודש אלול - ווען דאס קינד איז שוין געווען גרייט אהיים צו קומען, און אויך גרייט... נאכאמאל צו ווערן אפעריערט, דאס מאל האפנטליך צו ארויסנעמען דאס גאנצע געוויקס אן קיין שום זייטיגע שאדן. מי יתן ס'זאל טאקע זיין אזוי, ווי רואיג האבן מירגעקענט זיין נאכ'ן ווערן צוויי מאל אפגעבריעט?

"דער [סקווירא] רבי שליט"א האט מיר דאן געשיקט צו דאקטער וויסאף אין די 'ען-ווי-יו שפיטאל'. ער האט אונז אויפגענומען און ער פרעגט מיר: "ווער האט דיר געשיקט?". זאג איך אים: "ראביי טווערסקי". פרעגט ער: "איך קען צוויי ראביי טווערסקי'ס, איך קען איצי טווערסקי, און איך קען ראביי טווערסקי (סקווירא רבי שליט"א)". ענטפער איך: "די גרענד רעביי פון ניו סקווירא". "אויב אזוי — זאגט ער מיר — איי וויל טעיק יא וויט אַוט אינשורנ"ס!" אין אנדערע ווערטער, אלעס איז בחינם! לויט'ן אנווייזונג פונעם [סקווירא] רבי'ן האב איך אים געפרעגט אויב די אפעראציע קען ווארטן ביז נאך שמחת תורה, און ער האט געזאגט אז יא, ס'איז נישט קיין פראבלעם צו ווארטן.

"יעצט האב איך געהאט אביסל צייט צו טראכטן וואס איך קען טון פון מיין זייט. איך בין אריין צום [סקווירא] רבי'ן און געזאגט, אז די בני בית האט שוין געמאכט אזויפיל קבלות אויף צניעות אין אנדערע ענינים, וואס נאך קען מען טון? האט דער [סקווירא] רבי שליט"א געענטפערט: "דאס קינד האט דאך אויך א טאטע, ס'איז שלשה שותפים באדם, יעצט זאלט איר אפשר עפעס טון". האב איך געפרעגט דעם [סקווירא] רבי'ן: "וואס זאל איך מקבל זיין?". האט דער [סקווירא] רבי מיר געענפערט: "לב יודע מרת נפשו, יעדע מענטש ווייסט וואס ער דארף מתקן זיין. "איך האב אבער נישט נאכגעלאזט, און שטארק געבעטן אז דער

[סקווירא] רבי זאל מיר זאגן וואס צו מקבל זיין. נאך אסאך בעטן האט דער [סקווירא] רבי געזאגט: "מ'טוט דאך יעצט אין דעם ענין פון טעכנעלאגיע [ס'איז דאן געווען פאר די נעילה קוויטל] זאלט איר טון אין דעם". האב איך געזאגט פאר'ן [סקווירא] רבי'ן, אז איך האב שוין א פילטער פון 'טע"ג', האט דער רבי געזאגט, אז איך זאל זען צו האבן א פילטער וואס אונזערע רבנים פארלאנגען.

"טייערע ידידים! וואס זאל איך אייך זאגן? פון אלע קבלות אויף דער וועלט, און פון אלעס וואס איך האב זיך שוין געהאט מקבל געווען איז דאס פאר מיר געווען דאס שווערסטע! איך האב געוואוסט אז נאך מיין סעלפון האט א "משומר פילטער", בין איך אפגעהאקט פון די וועלט, פון אלע נייעס וכדומה, אבער... דאס האט דאך מיר דער [סקווירא] רבי געזאגט. האב איך צוזאמען גענומען אלע מיינע כוחות און ארויף געלייגט א "משומר פילטער" אויף אונזערע ביידע סעלפאנס, ס'איז געווען שווערער ווי שווער, אבער דאס האב איך געטון, און איך האב זיך אוודאי אריינגעשריבן אין די נעילה קוויטל האפנדיג אויף ישועות און רפואות.

"די הייליגע טעג זענען פאראיבער, ס'האט זיקדערנענטערט דעם טאג פונעם אפעראציע, וואס איך האב געהאפט אז בעז"ה וועט זיך מיט דעם ענדיגן דאס גאנצע קאשמאר. א נאכט בעפאר די אפעראציע בין איך אריין צום [סקווירא] רבי'ן, און איך האב פארציילט אז איך האב געטון מיינס, איך האב געלייגט אַ "משומר פילטער" פאר מיר און מיין בני בית. דער [סקווירא] רבי שליט"א האט מיר דאן געזאגט: "איך ווייס שוין פון דעם... ס'איז דאך געווען די נעילה קוויטל... און אז ס'איז דא א גוטע פילטער, איז דא השראת השכינה, און אז ס'איז דא השראת השכינה איז דא א רפואה, און אלעס וועט זיין גוט!!!".

"איך בין ווי באגאסן געווארן מיט א געוואלדיגע רואיגקייט, וואס מיט דעם בין איך אריינגעפארן יענע דינסטאג אין שפיטאל, און מיט דעם האב איך אריינגעשיקט מיין קינד צום אפערציע צימער. איך בין געווען פארזיכערט, ס'איז דאך שלשה שותפים באדם, די צוויי - אביו ואמו - האבן געטון זייער חלק, איז ביי מיר געווען זיכער אז דער שותף הקדוש ברוך הוא, וועט טון דאס זייניגע.

"ס'איז אריבער אפאר שעה, דער דאקטער איז ארויסגעקומען, ער רופט אונז אריין אין אפיס, ער הייסט אונז זיך אוועקזעצן. ער הייבט אונז אן צו זאגן אז ער האט טאקע אלעס גערייניגט עד הסוף, אבער דורך די לעצטע שטיק צייט האט זיך די געוויקס נישט סתם צוואוואקסן, נאר אויך שטארק אנגעקלעבט אויף צוויי גאר האקעלע אדערן אינעם מוח רח"ל, און כדי דאס צו אראפנעמען אז עס זאל נישט בלייבן קיין משהו פון די שעדליכע געוואוקס, האב איך געדארפט אפסקריעפ"ן [!] די אדערן. איין אדער וואס איך האב אזוי געדארפט אפקראצן איז דער מעי"ן בלא"ד וועס"ל וואס ברענגט אריין די בלוט אין די מוח. איך האב דאס טאקע אפגעקראצט אינגאנצן און ס'איז געבליבן ריין, אבער... זאגט ער אונז מיט א נידעריגע טאן - די נישט גוטע נייעס וואס עס איז מיר שווער אייך צו זאגן איז, אז איך האב געקראצט אביסל צו שטארק און דאס קינד וועט ליידער בלייבן פארלאזירט אויף איר רעכטע זייט! און - לייגט ער צו - דאס קראצן אויף די אנדערע אדער האט צוגעברענגט אז דאס קינד וועט נישט קענען מער עפענען ביידע אויגן ל"ע!

דער יונגערמאן שטעלט זיך אפ און זאגט מיר: "איך קען דיר צוזאגן, און קענסט אויך פרעגן מיין בני בית און מיין שוואגער וואס זענען געווען דערביי. איך האב זיך דאן אנגערופן צו זיי: 'איך האב מיט מסירות נפש ארויף געלייגט א "משומר פילטער" אויף מיין פאון, און דער [סקווירא] רבי האט מיר געזאגט אז אויב עס איז דא השראת השכינה וועט זיין א רפואה, בין איך זיכער, אז דאס קינד וועט ארויסגיין געזונט! איך בין בכללנישט באזארגט!'"

"דינסטאג איז געווען די אפעראציע, מיטוואך שטיי איך נעבן דעם קינד, און עפעס רירט זיך, איך געב א קוק, איך זעה אז יא! "די רעכטע האנט! זי האט אונטערגעהויבן די רעכטע האנט! איך רוף שנעל דעם דאקטער וויסא"ף, ער קוקט דעם וואונדער, ער האט נישט געהאט קיין שום הסבר אויף דעם, ער האט נאר געזאגט "י"א הע"וו ע"י גרענ"ד ראבי"י", אזא זאך קען בכלל נישט פאסירן בדרך הטבע, אז דער צוקראצטע אדער ווייסט נישט פון קיין מעשיות, ער ארבייט ווי קיינמאל גארנישט געווען.

"עס גייט אריבער נאך אפאר שעה, און די צווייטע אדער האט צואוויסן געטון, אז אויך ער איז נישט ברוגז אויף דעם קראץ, דאס קינד... עפנט די אויגן! יא! אזויווי איר הערט, און ..אויך די מויל און זאגט מיט איר קינדער'ישן קול "האמַיִ!!! "א קינד ווי אלע קינדער, זי וויל עסן. איך האב איר גלייך געגעבן אביסל צו עסן. צומארגנס דאנערשטאג האט מען איר ארויפגעזעצט אויף אזא סארט בייק וואס דאס קינד דארף אויסנוצן אלע אברים, די רעכטע זייט מיט די לינקע זייט, זיך צו קענען שטופן אויף דעם בייק, צו זען אויב דאס קינד קען טאקע פינקיאניצירן מיט אלע רמ"ח אברים, און אז די מוח איז פולקאם געזונט, און זי איז אריבער דעם טעסט אויפ'ן בעסטן פארנעם!

"דער דאקטער זאגט מיר: "דו גייסט היינט אהיים!". איך קוק אים אן ווי פון די לבנה אראפ, צוויי טאג צוריק האט מען געקראצט אין דעם מוח, איך האב מיט'ן גאנצע זיכערקייט שוין געדינגען א דירה אויף שבת קודש נעבן שפיטאל [האפנדיג אז מ'רעדט 'נאר' פון אפאר וואכן], מיינע בגדי שבת זענען שוין מיט מיר, קען מען דען אהיים גיין אזוי שנעל?.

"אבער דער דאקטער גיט נישט אויף, און זאגט מיר: "דאס קינד, איז דאס געזונטסטע פעישן פון דעם גאנצן פלאר". און איך בין אהיים געפארן מיט א כשר'ע סעלפאן און א געזונט קינד...!

"יעצט הערט מיר גוט איין. פאר'ן מסיים זיין מיין מעשה, וויל איך איבערגעבן איין ווארט:

אויב איינער וועט אייך פראבירן צו זאגן אז מ'קען זיין אן ערליכער איד אָן האבן אַ "משומר פילטער", זאג איך אייך מיט'ן גאנצן זיכערקייט "ס'איז נישט אמת! ס'איז קיין מציאות, ס'איז נישט מעגליך! פראבירט דאס נישט, ווייל פיל פיל מענטשן וועמען איך קען, האבן פראבירט מיט זיכערקייט, און אלע זענען דורכגעפאלן, און אסאך פון זיי זענען שוין ווייט ווייט ווייט, וואס איר קענט זיך גארנישט פארשטעלן, השם ישמרנו!.

"און איך וואונטש אייך אלע, איר זאלט נאר וויסן פון גוטע זאכן, מ'זאל זוכה זיין צו מאכן קבלות טובות צוליב גוטע סיבות, און מ'זאל דאנקען און לויבן השי"ת אויף אונזער מנהיג וואס היט אונז כאישון עינו בגשמיות ורוחניות.

"אלזא טייערע אידן: האט איר דאך געהערט וואס גייט פאר, דארף מען דאס נעמען פאר א חיזוק אין די ווינטער נעכט, די גלות נעכט וואס זענען נאך לאנג, וואס די מלחמת היונים האלט נאך אן ביז היינט יעדע דור אויף אן אנדערן אופן, און עס וועט זיך ענדיגן נאר דאן ווען משיח צדקינו וועט קומען בקרוב. איז ביז דערווייל לאמיר האלטן דעם חיזוק ביי אונז אין קאפ "אז ווען ס'איז דא השראת השכינה, איז דא רפואה און אלעס גוט'ס".

דער אינגערמאן ענדיגט זיין וואונדערליכע שילדערונג, איך זיץ געפלעפט.

איך פרעג דעם אינגערמאן:

"מעג איך מפרסם זיין די פאסירונג? דאס קען זיכער מעורר זיין אנדערע אידן.

זאגט ער מיר: "איר קענט דאס פארשפרייטן — ביטע אן מיין נאמען — ווייל אויב דאס וועט אויפטון, אפילו נאר פאר איין מענטש אז ער זאל זיך אפשיידן פון די אלע כלים איז מען אויך מחוייב דאס צו טון".